# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

337 — פרשת חקת — תש"פ


## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### 'עבודה שבלב' וואס ווערט געטון דורכן מויל

**"וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן לֵאמֹר; זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל"** (יט א-ב)

פארוואס האט די תורה געדאפלט און געשריבן: "אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר - דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל"?

זאגט **רבי אליעזר הורוויץ פון טארניגראד:**

'תפילה' ווערט אנגערופן 'עבודה שבלב' (תענית ב א), ווייל דאס גאנצע דאווענען איז אנגעהאנגען אין כוונה. פון דעסוועגן זענען מיר מחוייב ארויסזאגן די ווערטער מיטן מויל, ווייל ארויסזאגן ווערטער מיט די מויל איז מעורר די כוונה. דער אר"י הקדוש ('לקוטי תורה' תהילים סה) שרייבט אז אויך דערהויבענע מענטשן וואס דארפן נישט הילף מעורר זיין די כוונה, זענען מחוייב ארויסזאגן די ווערטער מיטן מויל, ווייל "דורך וואס א מענטש דאוונט, לערנט זיך זיין חבר אויך צו דאווענען".

דער יסוד איז מרומז אין די פאלגנדע פסוקים: "וידבר ה' אל משה ואל אהרן": כאטש אין די אויגן פון אזעלעכע צדיקים ווי זיי זענען זעט אויס אז: "זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר" - ארויסזאגן די ווערטער מיט די מויל, איז ווי א 'חק' אן א טעם, ווייל עס איז דאך געגנוג כוונה. פון דעסוועגן זאלן ענק וויסן אז עס האט יא א סיבה, ווייל: "דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" - ענקער דיבור זאל מעורר זיין אנדערע אידן זאלן אויך דאווענען ווי עס דארף צו זיין.

'נועם מגדים'

### 'גזרה היא מלפני' - אקעגן די מקטרגים

**"זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר"** (יט ב)

"לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל לומר: מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה, לפיכך כתב בה 'חקה' - גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה" (רש"י, ע"פ תנחומא ח).

די ווערטער איז שווער צו פארשטיין: רש"י ברענגט דאך שפעטער אין נאמען פון מדרש א טעם אויף די מצוה, אז עס קומט מכפר זיין אויף די חטא העגל, אויב אזוי, פארוואס ווערט עס גערעכנט פאר א 'חקה'?

זאגט **רבי פנחס הלוי הורוויץ בעל ה'הפלאה':**

דער שטן און די אומות העולם ווייסן אז דורך דערמאנען די זינד פון א מענטש ווערן אויף אים נתעורר דינים. דעריבער 'מונים' - ד.מ. זיי טשעפענען די אידן דורכן אויספארשטן די טעם פון די מצוה, כדי די אידן זאלן ענטפערן אז עס קומט מכפר זיין אויפן חטא העגל, און דורך דעם וועט נתעורר ווערן אויף זיי א קטרוג. דעריבער זאגט הקב"ה פאר די אידן: זאגט זיי נישט דעם אמת'דיגן טעם, נאר ענטפערט זיי: "גזרה היא מלפני".

מיט דעם ערקלערט זיין אייניקל **רבי צבי יחזקאל מיכלזאהן** דער פלונסקער רב וואס מיר בעטן ביי די 'אבינו מלכנו'ס, פריער: "כלה כל צר ומשטין מעלינו", און נאכדעם: "סתום פיות משטינינו ומקטרגנו". די ערשטע בקשה איז אקעגן די משטינים וואס זענען באשאפן געווארן פון אונזערע עבירות, און די צווייטע - אקעגן דעם שטן און זיין מיליטער וואס ווילן שטענדיג דערמאנען אונזערע זינד, אז זייער מויל זאל פארשטאפט ווערן און זאלן נישט קענען מקטרג זיין.

'פנים יפות' שו"ת 'תירוש ויצהר' סי' קפא

### דער חוב פון די 'המורים' ווארענען אויף ענטפערן אמן

**"שִׁמְעוּ נָא הַמֹּרִים הֲמִן הַסֶּלַע הַזֶּה נוֹצִיא לָכֶם מָיִם"** (כ י)

דער פריערדיגער מוכיח **רבי משה כהנא פון גיביטש** האט דערציילט:

ווען די פוזנער קהילה האבן זיך געוואנדן צו רבי מרדכי יפה בעל הלבושים און געבעטן ער זאל אננעמען די רבנות אין זייער שטאט, האט ער פריער געוואלט פארן אויף ווענציע לערנען די 'חכמת העיבור' [=אויסרעכענען די חדשים און יארן] פון דער חכם רבי יצחק אבוהב וואס האט גוט געקענט די חכמה.

רבי מרדכי איז געפארן אויף ווענציע, און איין טאג אינמיטן לערנען מיט רבי יצחק, איז דער קליינער זון פון רבי יצחק אריין אין צימער און געזאגט הויעך א ברכה. אלע אנוועזנדע האבן געענטפערט אמן, אויסער רבי מרדכי וואס האט זיך נישט געכאפט. רבי יצחק האט זיך אויפגערעגט אויף רבי מרדכי און האט אים מנדה געווען. ווען רבי מרדכי האט געבעטן פון רבי יצחק ער זאל אים מוחל זיין און אראפנעמען די נדוי, האט ער אים געזאגט שטראף רייד אויף די הארבקייט פון זיך פארמיידן ענטפערן אמן אויף א ברכה, און האט אים געזאגט, אין די פריערדיגע דורות איז א ערליכער מענטש מחוייב געווארן מיתה אויף דעם וואס ער האט נישט געענטפערט אמן אויף די ברכה פון זיין זון. רבי יצחק האט אויסגעפירט: זיין זינד וועט אינגאנצן נמחל ווערן פאר דיר אויב דו וועסט זיך אונטערנעמען אז אין יעדע פלאץ און קהילה וואו דו וועסט אנקומען זאלסטו דרש'ענען אויף דעם גרויסן זינד פון זיך פארמיידן פון צו ענטפערן אמן.

א רמז אויף די מוסר השכל וואס מיר לערנען פון די מעשה זאגט **רבי יעקב לייב בענדזאמין:** "'נָא הַמֹּרִים הֲמִן' - איז סופי תיבות 'אמן. ווייל זיך פארמיידן פון ענטפערן אמן, איז זייער הארב, דארפן די מורי הוראה ווארענען די בני הקהילה, אזוי אויך די מחנכים דארפן ווארענען זייערע תלמידים.

נאך זאגט רבי יעקב לייב אז דער רמז לערנט אונז אז זיך פארמיידן פון אמן איז א ווידערשפענונג אין מלכות שמים, אזוי ווי דער פייטן קלאגט אין די קינה 'איכה ישבה חבצלת השרון': 'זכרה זמן אשר נעשה ונשמע השיבו, ועתה ענות אמן לא אבו'".

'חלק יעקב'

### דאווענען מיטן כח פון ירושה

**"וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֱדוֹם לֹא תַעֲבֹר בִּי פֶּן בַּחֶרֶב אֵצֵא לִקְרָאתֶךָ"** (כ יח)

"אתם מתגאים בקול שהורישכם אביכם; אמרתם (לעיל פס' טז): 'וַנִּצְעַק אֶל ה' וַיִּשְׁמַע קֹלֵנוּ', ואני אצא עליכם במה שהורישני אבי (בראשית כז מ): 'וְעַל חַרְבְּךָ תִחְיֶה'" (רש"י, ע"פ תנחומא בשלח טז).

דער משגיח **רבי יחזקאל לעווינשטיין** האט ויסגעשמועסט:

ווען מיר שטעלן זיך דאווענען, דארפן מיר פון פריער וויסן, אז דער כח התפילה איז געוואלדיג גרויס, ווייל מיר האבן דעם כח גע'ירש'נט פון די אבות (ראה זוהר ויקרא ח ב). א תפילה וואס מ'בעט צוליב די כח פון די אבות ווערט אנגענומען אויך אויב די רוחניות'דיגע מצב פון דער וואס דאוונט איז שוואך, ווייל אלע אידן האבן גע'ירש'נט די סגולה "הקול קול יעקב" (בראשית כז כב) פון יעקב וואס האט עס באקומען פון זיין פאטער יצחק. דעריבער: "קען זיין, א פראסטער מענטש מיט ווייניג מעשים טובים, קען דורך תפילה עפענען די טויערן פון הימל, און זוכה זיין צו אלעס וואס ער וויל מער פון א צדיק און א גרויסער מענטש. ווייל אויב קומט מען דורך די כח פון ירושה קען זיך קיינער נישט אקעגן שטעלן".

'אור יחזקאל' דרכי העבודה עמ' פב

### דערמאנען די נסים פון נחל ארנון ביים דאווענען

**"עַל כֵּן יֵאָמַר בְּסֵפֶר מִלְחֲמֹת ה' אֶת וָהֵב בְּסוּפָה וְאֶת הַנְּחָלִים אַרְנוֹן"** (שם)

"כשם שמספרים בנסי ים סוף, כך יש לספר בנסי נחלי ארנון, שאף כאן נעשו נסים גדולים" (רש"י).

אין צוויי פלעצער ביים דאווענען דערמאנען מיר די ניסים פון נחל ארנון:

א. דער **נצי"ב** ערקלערט, דער פסוק וואס מיר זאגן ביי 'הלל' (תהילים קיד ד): "ההרים רקדו כאילים גבעות כבני צאן", באציט זיך אויף די בערג וואס זענען געשטאנען פון די צוויי זייטן פון נחל ארנון און האבן זיך דערנענטערט איינעם צום צווייטן כדי צו צוקוועטשן די אמוריים וואס האבן זיך באהאלטן אין זייערע לעכער. לויט דעם קומט אויס אז באלד נאכן דערציילן די נס פון קריעת ים סוף וואס ווערט דערמאנט א פסוק פריער ["הים ראה וינס"], דערציילט מען די ניסים פון נחל ארנון.

ב. אין ספר **'שיח יהודה'** ווערט געברענגט: אין די שירה פון 'אז ישיר' וואס ווערט געזאגט יעדן טאג, זאגט מען (שמות טו טז): "עַד יַעֲבֹר עַמְּךָ ה' עַד יַעֲבֹר עַם זוּ קָנִיתָ", און רש"י צייכנט צו די פשט פון אונקלוס: 'עד יעבור עמך' - די נחל ארנון, 'עד יעבור' - דעם ירדן ביים אריינקומען אין ארץ ישראל. אויך דא דערמאנען מיר קלאר דעם נס פון נחל ארנון אינמיטן דערציילן דער נס פון שפאלטן דעם ים סוף.

הגש"פ 'אמרי שפר'; 'שיח יהודה' [פון רי"א ראפאפארט];

## שַׁחַר אֲבַקֶּשְׁךָ, צוּרִי וּמִשְׂגַּבִּי / אֶעֱרֹךְ לְפָנֶיךָ שַׁחְרִי וְגַם עַרְבִּי.



דעם קומענדיגן מיטוואך הבעל"ט ט' תמוז געפאלט אויס די יומא דהילולא פון בעל 'שפע חיים' פון צאנז זי"ע, דא זענען ווערטער וואס ער האט געזאגט אין איינע פון זיינע שיעורים:

"איך האב שוין עטליכע מאל געזאגט, ווענדיג מחזיר זיין עטרה ליושנה, און איינפירן אין אונזערע בתי מדרשות מ'זאל דאווענען דעם גאנצן דאווענען מיטן ש"ץ. אזוי ווי עס איז איינגעפירט געווען אין די פריערדיגע צייטן, אז יעדע מנין וואס האט גדאוונט, **האט מען אנגעהויבן פון די ברכות השחר. צום ערשט האט דער ש"ץ געזאגט די ברכות, און נאכדעם האט יעדער אליין געזאג**, און א ירא שמים האט זיך משתדל געווען הערן פון נאך מענטשן כדי צו ענטפערן נאך זיי ב"ה וב"ש און אמן. ביי מיין הייליגן זיידע איז עס געווען א קביעות'דיגע זאך טאג טעגליך אז איין קינד אדער צוויי פלעגן זאגן פאר אים די ברכות השחר, צוזאמען מיט זיינע הייליגער קינדער יונגערהייט אדער א אייניקל צי א פרעמד קינד".

שפע חיים' תורה ומועדים חלק יט עמ' שנו

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## די ברכה 'אשר יצר' - 'רופא כל בשר' (ג)

### אפילו שעה אחת - איין סקונדע

די ווארט: "רגע" טייטש אונקלוס: "שעה" (במדבר טז כא). די מקור פון 'שעה' איז פון די אראמי'שע שפראך, און איר ריכטיגע באדייט איז א 'רגע', וואס ד.מ.: גאר א קורצע צייט.

מיט דעם פארענטפערט דער 'תוספות יום טוב' די נוסח הברכה: "אי אפשר להתקיים ולעמוד לפניך אפילו **שעה** אחת"; אויב וואלטן מיר געטייטש די ווארט 'שעה' - אזוי ווי עס טייטש זיך אין אונזערע צייטן, וואלט שווער געווען, אויב חלילה דער קערפער פאלט צוזאם, קען עס דאך נישט עקזיסטירן אפילו איין סקונדע? אבער לויט וואס איז פריער ערקלערט געווארן אז די ריכטיגע טייטש פון 'שעה' איז א 'רגע', פארשטייט מען דעם נוסח. ('מעדני יום טוב' ברכות ט כב ח)

### א רפואה פארן גאנצן קערפער

די אויספיר פון די ברכה ווערט צוטיילט אויף צוויי: "רופא כל בשר", "ומפליא לעשות". די ראשונים ערקלערן בפשטות: "רופא כל בשר" - ה' היילט דעם גאנצן קערפער מיט דעם וואס די שמוץ גייט ארויס פון קערפער, ווייל ווען נישט, וואלט דער מענטש געשטארבן, "ומפליא לעשות" - מיט דעם וואס דער 'רוח' האלט זיך אין א קערפער וואס איז פול מיט לעכער, וואס דאס איז א גרויסער וואונדער, ווייל א פארמאכטע קריגל פול מיט לופט, אין די סקונדע וואס עס ווערט דארט אפילו א קליינע לאך ווערט עס אויסגעליידיגט (רש"י ברכות ס ב; שו"ע או"ח ו א). נאך טייטש מען אז דער וואונדער אויף וואס מיר לויבן דא, איז אויף די מעגליכקייט פון דער קערפער צו קענען אפטיילן די גוטע חלקים פון עסן וואס דאס בלייבט, און צווישן די שמוץ וואס גייט ארויס (אבודרהם; שו"ע שם). עס זענען דא וואס לייגן צו אז דער וואונדער וואס מיר לויבן דא, איז דאס באהעפטן פון דער קערפער און די נשמה צוזאמען, טראץ וואס דער קערפער איז א גשמיות'דיגע זאך, און די נשמה איז א רוחניות'דיגע זאך (רמ"א שם).

אמאל האט מען מזכיר געווען פארן 'שפע חיים' פון צאנז איינעם פון זיינע נאנטע וואס איז געווען א חולה מסוכן ער זאל דאווענען אויף אים, האט דער רבי זיך אנגערופן: די חכמים האבן מתקן געווען ביי די אויספיר פון 'אשר יצר' זאגן דעם לויב: "רופא כל בשר ומפליא לעשות", וואס איז די שייכות פון די זאכן?

נאר מ'קען ערקלערן, אזוי ווי א כלי וואס איז צובראכן געווארן פארשטייט יעדער אז דער פאכמאן וואס האט געמאכט די כלי קען עס דאס בעסטע פאררעכטן, דאס זעלבע דארפן מיר גלייבן אז עס איז נישט פארהאן קיין בעסערער 'רופא כל בשר', פון דער וואס איז 'מפליא לעשות' מיטן באשאפן דעם מענטש, און נאר צו אים דארפן מיר זיך ווענדן ווען עס טוט עפעס וויי ('לפיד האש' ח"ב עמ' תרלא).

### 'אשר יצר' מיט כוונה - א סגולה אויף רפואה

דער משגיח רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל פלעגט שטענדיג זאגן פאר זיינע תלמידים אז זאגן 'אשר יצר' מיט כוונה אינעווייניג אין סידור איז א סגולה אויף רפואה. אזוי ווי עס שטייט אין ספר החינוך ביי די מצוה פון ברכת המזון (מצוה תל): "איך האב מקובל פון מיינע רבי'ס, אז יעדער וואס גיט אכטונג צו בענטשן ווי עס דארף צו זיין וועט ער שטענדיג האבן פרנסה בכבוד", און דער טעם איז, ווייל דער וואס בענטשט מיט כוונה, ווארצלט איין אין זיין הארץ די אמונה אז זיין עסן אין אנגעהאנגען נאר אין השי"ת. דאס זעלבע קען מען אויך זאגן אז דער וואס זאגט די ברכה 'אשר יצר' מיט כוונה ווארצלט איין אין זיין הארץ די אמונה אז זיין לעבן און זיין געזונט איז אנגעהאנגען נאר אין ה' יתברך, און דורך דעם וועט ער זוכה זיין צו א רפואה ('תפלת חנה' עמ' סו; 'חיים וחסד' עמ' יא).

און אזוי האט אמאל געזאגט הגר"ש פינקוס רעדנדיג אין דעם ענין:

"א איד איז צוגעקומען צו מיר און געזאגט, אז אין ספרים הקדושים שטייט אז זאגן 'אשר יצר' מיט כוונה, איז א סגולה אויף רפואה. אין יענע מינוט האב איך געהאט אזא געפיל, דאס קומסטו מיר דערציילן? דאס איז אזוי ווי איינער וועט קומען דערציילן אז ער האט א מורא'דיגע ערפינדונג: טרינקען וואסער איז א סגולה נישט זיין דארשטיג..." (תפארת שמשון בראשית עמ' ס).

אסאך ערציילונגען ווערן דערציילט געווארן אויף קראנקע און זייערע משפחות וואס האבן מקפיד געווען זאגן 'אשר יצר' מיט כוונה און האבן זוכה געווען צו א רפואה שלימה, צ.ב.ש. אזוי ווי דער גאון רבי יצחק זילבערשטיין שליט"א דערציילט:

אין א חשוב'ע כולל אין שטאט בני ברק איז קראנק געווארן דער יונגסטער זוהן פון איינעם פון די חשובע יונגעלייט אויף א שווערע קראנקהייט. ווען די יונגעלייט האבן זיך דערוואוסט פון דעם האבן זיי זיך צוזאם גענומען אויף א 'חיזוק פארזאמלונג'. אין ענדע האבן זיי באשלאסן זיך אונטערנעמען זאגן די ברכה 'אשר יצר' מיט כוונה, עס זאל זיין א רפואה פאר דעם קינד.

אויף א וואונדערליכן וועג, פארקערט פון וואס די אלע דאקטורים האבן פריער געזאגט, אין א קורצע צייט איז דער קינד אינגאנצן אויסגעהיילט געווארן פון זיין קראנקהייט, ויהי לפלא ('טובך יביעו' ח"א עמ' ער).

און מ'קען צולייגן אויף דעם וואס חז"ל זאגן (ברכות נג א): "גדול העונה אמן יותר מהמברך", און אויב די סגולה פון די ברכה איז אזוי גרויס, איז דאך זיכער אז די סגולה פון אכטונג געבן צו ענטפערן אמן אויף די ברכה קען ראטעווען און אכטונג געבן פון אלעם שלעכטן. דאס איז אויסער וואס איז באקאנט אז ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה איז מסוגל אויף רפואה. און א רמז אויף דעם קען מען טרעפן אין פסוק: "כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ" - 'כי אני' איז בגימטריה 'אמן' ('אמרי אהרן' בשלח).

**בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר יָצַר אֶת הָאָדָם בְּחָכְמָה** - מיט א וואונדערליכע קלוגשאפט וואס ליגט באהאלטן אין די אויסשטעל פון דער קערפער, **וּבָרָא בוֹ** גלידער וואס האבן **נְקָבִים נְקָבִים** כמו אזוי ווי מויל, נאז א.נ., אויך האט ער באשאפן גלידער וואס זענען **חֲלוּלִים חֲלוּלִים** - וואס האבן א הוילקייט, צ.ב.ש. דאס הארץ די בויך און געדערעם. **גָּלוּי וְיָדוּעַ לִפְנֵי כִסֵּא כְבוֹדֶךָ, שֶׁאִם יִפָּתֵחַ אֶחָד מֵהֶם** - פון די אויסגעהוילטע גלידער, **אוֹ יִסָּתֵם אֶחָד מֵהֶם** - פון די לעכער, **אִי אֶפְשַׁר לְהִתְקַיֵּם וְלַעֲמֹד לְפָנֶיךָ** [נוסח ספרד: **אֲפִלּוּ שָׁעָה אֶחָת** - א קורצע צייט]. **בָּרוּךְ אַתָּה ה', רוֹפֵא כָל בָּשָׂר** - מיטן אפטיילן די שמוץ, **וּמַפְלִיא לַעֲשׂוֹת** - מיט דעם וואס ער היט אפ די 'רוח' זאל נישט ארויס גיין פון די לעכער פון דער קערפער.

**אָמֵן** - עס איז ריכטיג אז מיר דארפן לויבן ה' אויף דעם וואס ער היילט אויס דעם גאנצן קערפער דורכן אפטיילן די שמוץ, ומפליא לעשות מיטן אכטונג געבן דעם רוח אין אונז כאטש עס האט אסאך לעכער.

# מכתבי אמונים

בריוון פון אונזערע געטרייע ליינער

צו די רעדאקציע 'וכל מאמינים'

איך וויל זיך באדאנקען פאר ענק אויף די התעוררות און התחזקות אין די ענין פון זאגן 'מאה ברכות' וואס ענק האבן אין די לעצטע תקופה שטארק פארשפרייט. עס איז אינטערעסאנט אז מיר האבן זוכה געווען צוריק גיין דאווענען אין די שולן אין בעפארברייטונג פון יו"ט שבועות - די יומא דהילולא פון דוד מלכא משיחא וואס האט געגרינדערט די תקנה פון זאגן 'מאה ברכות'. די חכמים האבן מרמז געווען (במ"ר יח כא) די תקנה פון דוד אין פסוק (שמואל ב' כג א): "נאם דוד בן ישי ונאם הגבר הקם על" - 'על' איז בגימטריה מאה, אקעגן די מאה ברכות וואס ער האט איינגעפירט אין כלל ישראל. און מ'קען צולייגן אז 'נאם' איז אותיות 'אמן', ווייל ענטפערן אמן פארענדיגט די ברכה.

ב.ד. - ירושלים

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## א פייער פארטאג'ס

א פריה מארגנדיגע שעה. אינמיטן אראפגיין די גאס האט ר' וואלף געקוקט אויף די פענסטער'ס פון שול און עפעס איז אים נישט געפעלן. ער האט פרובירט בעסער צו קוקן און אין די זעלבע צייט האט ער זיך געאיילט, א קליינע טאנצעדיגע שיין, א רויטליכע קאליר, איז ארויסגעקומען פון די פענסטער, און האט באלויכטן די פינסטערניש, און אין הארץ האט ער זיך דערשראקן.

א וואך פריער. פרייטאג אינדערפריה. ר' וואלף נעמט צוזאם פון די טישן די הויפן קאלירטע גליונות, און וויל זיי לייגן אויף זייער באשטימטע פלאץ, אזוי ווי זיין שטייגער יעדע וואך.

ר' וואלף איז נישט דער גבאי, אבער ער איז א מענטש וואס עס גיי אים אן. די גליונות וואס האבן זיך געוואלגערט אין שול יעדן ערב שבת האט אים ווי געטון, ער האט געהאלטן אז עס איז נישט קיין כבוד בית הכנסת אז די בלעטער זאלן זיין צושפרייט אין גאנצן בית המדרש, וועגן דעם האט זיי מסדר זיין אין זייער ספעציעלן פלאץ וואס ער האט אויפגעבויעט צוליב דעם ביי די אריינגאנג אין שול.

יעדן פרייטאג אינדערפריה, קומענדיג דאווענען 'ותיקין', האט ער צוזאם גענומען די בלעטער וואס זענען געווען אויסגעשפרייט און זיי אוועק געלייגט. אבער, ווען ער איז געקומען דאווענען, זענען שוין געווען אין שול העכער צען מתפללים, וואס דאס האט אים שווערער געמאכט די ארבעט, און צוגעברענגט עס זאל אים ווי טון יעדע וואך פון דאסניי פארוואס עס געלונגט אים נישט אויפשטיין גענונג פריה, און כמעט אייביג ווען ער האט געענדיגט לייגן תפילין האט דער חזן שוין געהאלטן ביי 'ברכו'.

אויך יענע וואך, א וואך בעפאר אונזער ערציילונג האט פאסירט, האט ער ווי זיין שטייגער גענומען די הויפן בלעטער וואס ער האט צוזאמגענומען, און זיי געוואלט לייגן אויף זייער פלאץ, אבער דאס מאל האבן זיינע אויגן אויפגעכאפט א נייעם בלעטל. די נייגעריגקייט וואס האט געברענט אין אים האט אים צוגערעדט ער זאל כאפן א בליק אויף דעם בעפאר ער לייגט עס אוועק, אבער ווייל ער האט זיך געיאגט זיך צושטעלן צו די מנין האט ער נישט געקענט באטראכטן דעם נייעם גליון, האט ער גענומען איין קאפי פון דעם, איינגעקנייטש און אריינגעלייגט אין טאש, צו קוקן אים דעם שפעטער.

נאכן דאווענען האט ער זיך אראפגעזעצט אויף זיין פלאץ און אנגעהויבן באטראכטן דעם נייעם בלעטל. "והחזירנו" איז זיין נאמען. למעשה איז עס נישט געווען א געוועגליכע בלעטל, נאר א עקסטערע אויסגאבע אויף כבוד התפילה, וואס איז ארויסגעגעבן געווארן דורך 'בני אמונים', א פראיעקט פונעם פרעזידענט רבי יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א. ער איז אריבער אויף די אינהאלט פון דעם בלעטל, און די ווערטער האבן גערעדט צו זיין הארץ.

ווייל ער פלעגט שטענדיג אנקומען שפעט צום דאווענען, איז ר' וואלף געצווינגען געווען זאגן די ברכות השחר ערשט נאכן דאווענען. ער האט געוואוסט ביי זיך אז עס איז נישט לכתחילה. אבער איינער וואס דאוונט ותיקין ווייסט אז 'צייט איז צייט', און יעדן אינדערפריה האט אים עקסטער וויי געטון אויפן פארשפעטיגן.

אין דעם ספעציעלע בלעטל האט ער געליינט איבער די געוואלדיגע מעלה פון קומען פריה אין שול, און אנהייבן דאווענען אין צייט, נאכן זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא, האט ער באשלאסן מקפיד זיין אויף זאגן 'ברכות השחר' מיט א חברותא אין איר צייט, עטליכע מינוט פארן דאווענען. ס'זאל זיין וואס עס זאל נאר נישט זיין.

אומר ועושה. דעם קומענדיגן זונטאג איז ר' וואלף געווען דער ערשטער אנצינדן די עלעקטער אין שול. צען מינוט פארן אנהייבן דאווענען איז ער שוין געזיצן אויף זיין פלאץ, אנגעטון טלית און תפילין, נאך וואס ער האט געזאגט די ברכות השחר מיט א חברותא, ר' צבי הירש, פון די עלטערע 'ותיקין' מנין, און נאכדעם האט געזאגט די קרבנות געלאסן און מיט התבוננות.

א נייע פריהמארגן האט אויפגעשיינט אויף זיין לעבן. יענעם טאג האט ער געדאוונט אזא תפילה וואס ער האט נישט געדאוונט א לאנגע צייט. נאכן ענדיגן דאווענען האט ער באשלאסן אז פון היינט און ווייטער איז ער נישט מוותר אויף דעם ספעציעלן תענוג.

ר' וואלף האט זיך אזוי געפירט אויך אין די קומענדיגע טעג, ער איז געווען איבערראשט פון זיך אליין, ווי גרינג עס איז אים אנגעקומען, און וויפיל באפרידיגונג ער האט געהאט פון דאווענען ווי עס דארף צו זיין.

פרייטאג איז געווען גאנץ א שוואכן טאג ביי דעם מנין 'ותיקין', אסאך פון די קביעות'דיגע מתפללים יאגן זיך נישט צום ארבעט ווי יעדן טאג, און צוליב דעם קומען זיי נישט דאווענען פריה. אבער ר' וואלף איז אויך דעם טאג אויפגעשטאנען פריה צו זיין דער ערשטער אין שול. אט גייט ער אין א פריה שעה אין ריכטונג פון שול, ער קוקט צו די פענסטער, און ווי געזאגט באמערקט ער ווי עפעס א ליכטיגקייט שיינט ארויס.

ווי מער ער האט זיך דערנענטערט איז אים אקעגן געקומען א שארפע גערוך, א גערוך פון פארברענטע פלעסטיק. ער איז שנעל געלאפן און האט געעפענט די טיר פון שול, און א געדעכטע רויעך איז אים אקעגן געקומען, ר' וואלף האט זיך צוהוסט און האט שנעל ארויסגענומען דעם סעלפאון פון זיין טאש און געקלינגען צו די פייער-לעשער'ס. אין די זעלבע צייט האט ער פרובירט מיט זיינע שוואכע כוחות צו פארלעשן די פייער.

אויך נאכן אויסלעשן די פייער, איז ווייטער ארויס געקומען רויעך פון די עלעקטער קעסטל, און די פייער-לעשער'ס וואס האבן זיך געאיילט צו קומען האבן געהאט אסאך ארבעט.

די מנין ותיקין איז דעם טאג פארגעקומען אין א דערנעבנדיגן שול, נאכן דאווענען איז ר' וואלף געגאנגען באטראכטן די שאדנ'ס פון די פייער, דער לעצטער פון די פייער-לעשער'ס איז נאך דארט געווען, די פאליש איז געווען שטארק שמוציג אבער די שול אליין, וואס איז געווען א 'קאראוואן', איז געבליבן גאנץ אן קיין שאדן.

"דאס וואס דו האסט געטון ווען דו האסט באמערקט די פייער, האט געראטעוועט די שול" - האט דער הויפט פון די פייער-לעשער'ס געזאגט אינמיטן אויפשרייבן די לעצטע איינצלהייטן. "ווען דו קומסט ווען פינף מינוט שפעטער, קען זיין אז עס וואלט נישט געווען וואס צו ראטעווען, די פייער וואלט זיך שנעל צושפרייט, און ביז עטליכע מינוט וואלט אלעס פארברענט געווארן, מיט די ספרי תורה און די הייליגע ספרים.

ר' וואלף האט געקוקט אויף די פארשווארצטע ווענט, און האט פארשטאנען די ווערטער פונעם פייער-לעשער. ער האט אראפ געקוקט אויף די ערד וואס איז געווען פול מיט שווארצע וואסער, און א קאלירטע גליון האט זיך דערזעהן אקעגן זיינע אויגן. ער האט עס שנעל אויפגעהויבן, קוים האט ער געקענט ליינען דעם נאמען; "וכל מאמינים..." - היינט איז פרייטאג - האט ער זיך דערמאנט.

"אלעס אין זכות פון דעם גליון" - האט ער געזאגט, און האט נישט געווארט אז דער פייער-לעשער זאל פארשטיין וואס ער מיינט.

געשיקט דורך דער בעל המעשה

עיצובים shay